**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/29/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול מעלדט אנהויב פון קונסטלער פארמעסט פאר רוט בעידער גינזבערג געדענקמאל אין ברוקלין**

***געדענקמאל וועט זיך געפונען אויף די ברוקלין בריק פארק'ס פיער 1***

***די חודש צייכנט אפ די פיפטע יארטאג פון דשאסטיס גינזבערג'ס פטירה***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן די אנפאנג פון א קונסטלער פארמעסט און די אויסוואהל פון א לאקאציע פאר די Ruth Bader Ginsburg (רוט ביידער גינזבערג) געדענקמאל, וואס וועט זיך געפונען ביי פיער 1 אין די ברוקלין בריק פארק. די חודש האט אפגעצייכנט די פיפטע יארטאג פון דשאסטיס Ginsburg'ס (גינזבערג) פטירה אויף סעפטעמבער 18, 2020, און די מעלדונג איז א דערגרייכונג צו באעהרן די לעגאסי פון די פאן-טראגנדע סופרים קאורט דשאסטיס און ברוקלין אפשטאמיגע. די געדענקמאל וועט פייערן דשאסטיס Ginsburg'ס (גינזבערג) אויסערגעווענדליכע ביישטייערונגען צו ציווילע רעכטן, דשענדער גלייכבארעכטיגונג און די גוועלטיגונג פון געזעץ, בשעת'ן צושטעלן אן ארט וואו צו קענען אריינטראכטן און אינספירירט ווערן אין איינער פון ניו יארק'ס מערסט אייקאנישע וואסער-ברעג פארקס.

"Ruth Bader Ginsburg (רוט ביידער גינזבערג) איז געוועהן א טאכטער פון ברוקלין וואס איז געווארן גאר א גרויסע פערזענליכקייט אין די אמעריקאנער געריכט סיסטעם," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "דורכאויס איר פערציג יאר פון דינסט אלס א פעדעראלע ריכטער, האט דשאסטיס Ginsburg (גינזבערג) טראנספארמירט די געזעץ, פירנדיג מיט עקשנות און נעימות. די געדענקמאל וועט פארזיכערן אז צוקופטיגע דורות קענען באזוכן איר היים בארא און ווערן אינספירירט פון איר אומבויגזאמע פארפליכטונג צו גלייכבארעכטיגטע גערעכטיגקייט אונטער'ן געזעץ, איר שארפע לעגאלע מח, און איר פארפליכטונג צו צונעמען אפהאלטונגען. היינט, טוען מיר באעהרן איר געוואלדיגע לעגאסי מיט'ן שאפן אן ארט וואס רעפרעזענטירט א שטראל פון האפענונג פאר יעדער אמעריקאנער."

**Jane C. Ginsburg (דשעין סי. גינזבערג), טאכטער פון דשאסטיס Ginsburg (גינזבערג), און Clara Spera (קלארא ספערע), אייניקל פון דשאסטיס Ginsburg (גינזבערג), האבן געזאגט,** "מיר זענען גאר צופרידן פון די גאווערנאר'ס מעלדונג איבער דעם געדענקמאל פאר אונזער מאמע און באבע, וואס וועט זיך געפונען אין דעם בארא וואו זי איז געבוירן און אויפגעהאדעוועט געווארן. מיר זענען גאר פרייליך צו לערנען וויאזוי קונסטלער וועלן פארשלאגן צו באעהרן איר שטארקע לעגאסי."

**עמפייער סטעיט אנטוויקלונג (Empire State Development) פרעזידענט, CEO און קאמישענער Hope Knight (האופ נייט) האט געזאגט,** "די Ruth Bader Ginsburg (רוט בעידער גינזבערג) געדענקמאל וועט זיין אן אנהאלטנדע אנדענק פאר איינער פון ניו יארק'ס אויסערגעווענדליכסטע פירער און א קוואל פון אינספיראציע פאר קומענדיגע דורות. דורך עפענען די קונסטלער פארמעסט, טוען מיר עפענען די טויערן צו מאכטפולע און שעפערישע וויזיעס וועלכע טוען באעהרן דשאסטיס Ginsburg'o

(גינזבערג) קאמפ פאר גלייכבארעכטיגונג, איר פאן-טראגנדע קאריערע, און איר אנהאלטנדע השפעה אויף די אמעריקאנער געזעלשאפט. דער געדענקמאל וועט נישט נאר פייערן איר לעבן, נאר אויך ברענגען מענטשן צו אריינטראכטן אין די ווירדן פאר וואס זי האט געקעמפט — גערעכטיגקייט, יושר'דיגקייט און פארשריט."

**ברוקלין בארא פרעזידענט Antonio Reynoso (ענטאוניאו רענאסאו) האט געזאגט,** " Ruth Bader Ginsburg (רוט בעידער גינזבערג) איז געוועהן א פאן-טראגנדע ברוקלינער וועמנס דאקומענטירטע קאריערע אין פובליק סערוויס טוט פאראויסריקן גערעכטיגקייט, יושר'דיגקייט, און גלייכע רעכטן פאר אלע פון אונז. איך בין גאר צופרידן אז ברוקלין וועט באערן איר לעגאסי מיט אן ארט פאר אנדערע צו אריינקלערן און טרעפן אינספיראציע אין איר געשיכטע. שעפערישע אויסדרוק ליגט ביים הארץ פון ברוקלין'ס קאלטורישע אידענטיטעט, און איך קוק ארויס צו זעהן די פילע וועגן וואס קונסטלער וועלן פראבירן צו אפכאפן די געשיכטע פון דשאסטיס Ginsburg (גינזבערג). א דאנק פאר גאווערנער Hochul (האקול) פאר'ן אנפירן די באמיאונג."

**ברוקלין בריק פארק פרעזידענט Eric Landau (עריק לאנדאו) האט געזאגט,** "מיר זעהן עס אלס א כבוד צו דינען אלס גאסטגעבער פאר די געדענקמאל פאר דשאסטיס Ruth Bader Ginsburg (רוט בעידער גינזבערג). איר היסטארישע לעגאסי האט באלאכטן דעם וועג פאר גערעכטיגקייט, גלייכבארעכטיגונג, און געלעגנהייט און זעצט ווייטער פאר צו אינספירירן דורות, און עס איז א גרויסע זכי'ה צו צושטעלן אן ארט וואו די קאמיוניטי קען זיך צאמקומען צו רעפלעקטירן אויף איר אויסערגעווענדליכע לעבן און אנהאלטנדע השפעה."

די רוף צו קונסטלער עפענט דעם טיר פאר פארשלאגן פון קונסטלער און דיזיין טיעמס צו שאפן א געדענקמאל וואס ברענגט ארויס דשאסטיס Ginsburg'o (גינזבערג) שטארקע השפעה אויף אמעריקאנער געזעץ און געזעלשאפט. די פארמעסט וועט פארקומען אין צוויי פאזעס, און געווינער פון די ערשטע פאזע ווערן אויסגעוועהלט ווערן אין די פרילינג פון 2026 זיך צו פאראויסריקן צו די צווייטע פאזע פאר די אנטוויקלונג פון דעטאלירטע פארשלאגן.

קונסטלער און דיזיין טיעמס וועלכע זענען אינטערעסירט צו אנטיילנעמען אין די פארמעסט קענען [דא](#) טרעפן דעטאלירטע אינפארמאציע און אפליקאציע מאטריאלן. ערשטע פאזע פארשלאגן מוזן אריינגעגעבן ווערן ביז פעברואר 2, 2026.

די פראיעקט ווערט געשטיצט דורך אן 1 מיליאן דאלאר סטעיט קאפיטאל גרענט פארטיילט דורך עמפייער סטעיט אנטוויקלונג, און די מיטגלידער פון די Ruth Bader Ginsburg (רוט בעידער גינזבערג) געדענקמאל קאמיסיע ארבעטן צו שאפן נאך פריוואטע געלטער צו צוגעבן צו די פראיעקט בודשעט. די קאמיסיע איז צום ערשט אוועקגעשטעלט געווארן אין 2020 און נעמט אריין מיטגלידער פון דשאסטיס Ginsburg'o (גינזבערג) פאמיליע, געוועזענע קלערקס, און פירער פון די קונסט און עדוואוקעסי קאמיוניטיס.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן](#)